IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**A Word in Edgewise: Yiddish, Hebrew, and Sholem Asch**

by **Yisroel Rabon,** translation by Ben Kline

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2025)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/edgewise]

# אַ וואָרט אין דעם שטרײַט: ייִדיש, העברעיִש, שלום אַש

# A Word in Edgewise: Yiddish, Hebrew, and Sholem Asch

Yisroel Rabon
translated by Ben Kline

**Introduction:** This essay by Yiddish novelist, poet, and critic Yisroel Rabon was published in December 1936 in the literary monthly *Os* (Letter), which Rabon himself edited. Rabon was born in Gowarczów in 1900 but spent most of his life in Lodz, which was the setting of his two published novels, *Di gas* (1928) and *Balut: Roman fun a forshtot* (1934). He also published several volumes of poetry and serialized novels in Yiddish newspapers, including *Haynt* (to which he obliquely alludes in this essay as having "the most honorable attitude towards Yiddish writers," despite its "reactionary" political slant).

Scholarship on Rabon's work has mostly focused on his fiction, which was controversial in its day for its grotesque depictions of sex and violence among Jews on the urban fringe. Khone Shmeruk, in a 1981 Hebrew essay recently translated by Tsiona Lida and published in *In geveb*, places Rabon's fiction within the context of Yiddish *shund* literature, a genre which Rabon defended in his own essays on Yiddish literature.[1] Miriam Udel has engaged with and complicated the characterization of Rabon's *Di gas* (by Khone Shmeruk and others) as "above all, a chronicle of alienation, social fragmentation, and inter-war disaffection."[2] However, relatively little attention has been paid to Rabon's nonfiction and critical work, much of which he published (sometimes pseudonymously) in *Os* and other journals that he edited. In a 1938 letter to Sholem Asch, Rabon ostentatiously described *Os* as "the only literary-art journal around which young Jewish writers are congregating."[3] Rabon appears to have cultivated a contrarian, bête noir persona with regards to the Polish Jewish literary establishment in Warsaw

[1] Khone Shmeruk, "The History of "Shund" Literature in Yiddish," *In geveb*, April 2023, trans. Tsiona Lida, https://ingeveb.org/texts-and-translations/the-history-of-shund-literature-in-yiddish.

[2] Miriam Udel, "When Narration is the Only Salvation: Yisroel Rabon's Modernist Picaresque," *Polin Studies in Polish Jewry*, Volume 28, 2016, pp. 307-321, 309.

[3] Letter from Yisroel Rabon to Sholem Asch, 1938, RG 602, Shalom Asch Papers, F85. YIVO, https://encyclopedia.yivo.org/media/1400.

and Vilna (embodied in this essay by Max Weinreich, Yankev Pat, and Itzik Manger). Critic Y.Y. Trunk wrote that Rabon was “the most asocial writer in Yiddish literature in Poland…[who] believes in no manner of community.”[4] It is a characterization both uncharitable and somewhat believable.

“A Word in Edgewise” describes—at times with humorous irony, at times with great conviction—the ideological infighting between Yiddish cultural workers in Poland in the 1930s. Rabon takes special issue with the hypocrisy of a Yiddishism more concerned with signaling its own leftist virtues and combating the symbolic threat of Hebrew in Palestine than with supporting the apparently dwindling Yiddish cultural life in Poland. In doing so, Rabon gives voice to a Yiddishist pessimism of his age, distinct from the naivete or tragedy that post-war readers have so often projected onto interwar Yiddish writers. For example, it is jarring to read the phrase “der khurbn fun yidish” (the destruction of Yiddish) in a piece written in 1936. Rabon’s perspective defies simple categorization: he is a committed socialist with no great love for the Bund’s cultural politics, a promoter of Yiddish with respect for both modern and ancient Hebrew literature, and a Yiddish writer with a realist attitude towards Polish overtaking Yiddish as the primary language of Poland’s Jews. A modern reader may recognize some familiar and enduring themes of a culture war, largely fought through rumor, speculation, projection, and symbolic gesture.

I have taken liberties to shorten some of Rabon’s longwinded paragraphs into more readable English sentences, while attempting to preserve some of the humor and poignant word choice in the original Yiddish. I have also removed a digressive section, in which Rabon quotes at length some French and German literary critics to defend Sholem Asch against Itsik Manger’s critique of the former’s allegedly poor grammar and punctuation.

[4] *Leksikon fun der nayer yidisher literatur*, vol. viii (New York: Congress for Jewish Culture, 1981), 283.

# A Word in Edgewise: Yiddish, Hebrew, and Sholem Asch

Sholem Asch was in Palestine. There, at some reading or banquet—according to Dovid Pinsky's account—he hurled insults at the Yiddish language. But exactly what he said we do not know. I don't discount the testimony of a personage like Dovid Pinsky, but—given the Language Question among us—what the Yiddishist Dovid Pinsky might consider insulting would not be insulting to the average Yiddishist. I, for one, don't see anything demeaning in calling Yiddish the language of the cobbler's alley. And that's not because my democratic disposition holds the cobbler's alley in such high esteem, but simply because that's how it is: Yiddish is only spoken in the cobbler's alley. On the main streets, whether their residents be Zionists or Bundists, Communists or Revisionists, we speak Polish. Still, there are those Yiddishists—and not particularly orthodox ones—who are ready to challenge you to a duel when you tell them that Yiddish is the language of the cobbler's alley.

Based on some ad hoc honor code, The Yiddish Pen Club[5] decided to respond to this reprimand of its members' working language (and Sholem Asch's, too). When Sholem Asch came to Warsaw, there was a pointed lack of any reception in his honor, even though he is the honorary chair of that same organization. The affair came out into the open, several articles have been penned about it, and it's even reached the point of name-calling, as is our habit. But what exactly Asch said in Palestine about Yiddish is unknowable. We can only rely on Dovid Pinsky's interpretation of Asch's speech: what he said was insulting!

Now don't call me a Hebraist, but it makes sense to me that Sholem Asch, a sensitive and impressionable writer, could witness the awakening of Hebrew cultural life in Palestine and become embittered over the state of the Yiddish language, especially in Poland. No one with open eyes and a genuine will to stay within the realm of truth can deny that the destruction of Yiddish across sectors is frighteningly immense.

[5] The first PEN Club was founded in London in 1921, for the purpose of promoting cooperation and defending the rights of writers across national borders. Although PEN clubs around the world were initially created on a national-territorial basis, the Jewish PEN Club was founded in Vilna in 1926 by Yiddish and Hebrew writers whose interests were not represented by the Polish PEN Club in Warsaw. In 1929, a Hebrew PEN Club was founded in Palestine, at which the Vilna-based club--whose center of membership and activity was nevertheless Warsaw--changed its name to the Yiddish PEN Club. Sholem Asch was elected Yiddish PEN's honorary president in 1932. See Aneta Stępień, "The Role of the Association of Jewish Writers and Journalists in Warsaw in Interwar Poland. The Perspectives of Isaac Bashevis Singer and Zusman Segalovitsh," *Irish Slavonic Studies*, vol. 26, 2017, 177-194.

Not a single publishing house for Yiddish books in Poland remains. The Yiddish press declines from day to day. The Polish-language newspapers easily devour Yiddish publications, tearing in with the sharp teeth of a living language.

One brief anecdote suffices to illustrate the enormity of Yiddish's extermination in the arena of Gutenberg's invention—and the resulting catastrophic retrogression of Yiddish as a cultural factor and useful linguistic medium of Poland's Jews:

Before the war, despite that particular tendency of Lodz's industrialist middle class towards Germanization, three daily Yiddish newspapers were being published, with a circulation of thirty thousand copies. On the other hand, the only Polish paper led a pathetically anemic existence with barely six hundred readers. Today, the entire Yiddish press produces at most fifteen hundred copies. And there are several Polish papers with a circulation in the tens of thousands. Over ninety percent of their readers are Jews, because the Jews in general make up the literate element.

Lodz is not unique in the cultural life of Jews in Poland.

In a province as large as Galicia, with a Jewish population of over three hundred thousand souls, there is almost no sign of a Yiddish cultural pulse. There are three large Jewish newspapers in Polish, and they sell brilliantly. The once extensive daily Yiddish newspaper in Lwow, the *Togblat*, has morphed into a pitiful ten-groszy pamphlet that gives the impression of a droopy tallow candle at the head of a deathbed.

No polemics about Yiddish as the only language of the Jewish masses can deny the facts: in public and at home, the youth—and especially the youth of the parties making Yiddish demands to the state and communal departments—overwhelmingly speak to each other in Polish. In the largest Jewish library in Lodz, named after Borochov—an institution of the Left *Poaley Tsiyen*, who are kosher Yiddishists—seventy percent of the books are in Polish and a measly thirty percent are in Yiddish. The claim that Yiddish is the vernacular of the Jewish people falls apart. No amount of heated debate and hairsplitting will do any good here.

Holding up the Polish Census of 1931 as key evidence is a fool's errand. Everyone knows perfectly well that Jews marked Yiddish as their mother tongue in the census simply for demonstrative reasons, and as a token to the agitation of the Jewish parties.[6]

Go on the streets of Lodz, Warsaw, and other cities today and you'll see Jews with twisted peyos and frocks, speaking "Poylish" with their wives and children.

[6] Per the 1931 Census, which included questions about religion and mother tongue (but none about "nationality," which had been a question on the 1921 Census), 79% of those identifying as Jews said they spoke Yiddish as their mother tongue, whereas 12% listed Polish and 8% listed Hebrew. Post-war scholarship echoes Rabon's assertion that the self-reporting of Yiddish was inflated. Celia Stopnicka Heller, *On the Edge of Destruction: Jews of Poland Between the Two World Wars*, (Detroit: Wayne State University Press, 1977), 68.

Sholem Asch arrived in Palestine and witnessed the rise of Hebraism. He saw the evidently respectable Hebrew press and the lively activity of the many publishing houses—funded by healthy sales, not by tycoons—that publish books which actually have readers. He heard the language of the Bible being spoken by thousands of children as a natural, robust mother tongue. Seeing all this, comparing Hebrew in Palestine with Yiddish in Poland, it's no surprise Asch could have slipped into singing Hebrew's praises.

In Palestine, Hebrew is the language, the literature, the schools—a matter as vital as daily bread. In Palestine, one buys a Hebrew poet's book and looks proudly at the new release: what a wonder! What are the Yiddishists in Poland doing for the Yiddish writer?

First of all, they go out of their way to make him a caricature, a straw man.

The pillar of Yiddishism in Poland, the Bund, has "delegated" Mr. Yankev Pat to Literature. Pat assembled a gang of graphomaniacs, and for a few years they put out a literary weekly with the holy task of throwing sand and ash, week after week, on every Yiddish writer who isn't sufficiently Marxist or Proletarian

These critics have badmouthed every significant phenomenon in our little Yiddish literary world. They fail to understand that the Yiddish writer's social origin endows him with a proletarian mentality, which he intuitively instils in the character of his work. (Though it should be said that a writer's social origin by itself is irrelevant to his literary quality).

Even before Asch apparently said something mean about Yiddish, Mr. Pat's literary organ pilloried Asch's first-rate work, *Der tilim yid*, which is simply one of the most marvelous, belles-lettristic creations in recent years. The reason? The protagonist of the novel is a zealous follower of the Psalms, rather than of Karl Marx. His splendid epos of synagogues and great rabbis was written off as insignificant. And yet what a work, with its masterfully crafted personages, powerful depictions, and a virtuosic recreation of a vanishing Jewish way of life. *Yoshe Kalb* by I.J. Singer (the novel, that is, not the play) was criticized because its heroes say nothing about the "class struggle" or the "proletariat".

The result of this and similar defamation is that the Bund-supporting public, which numbers in the tens of thousands in this country, wants nothing to do with the most important Yiddish writers because they are, according to Mr. Pat, "counterrevolutionaries" and insufficiently proletarian. And he doesn't care for our own "poets" because they simply lack any talent.

The *Folkstsaytung* is the only newspaper in Warsaw that pays the porter for delivering paper, the errand boy for picking up a letter of type, the custodian for sweeping the room—but it hasn't a grosz to spare for the Yiddish poet. I don't want to praise the Yiddish press and its attitude towards Yiddish writers, which leaves much to be desired,

but for honesty's sake I must state that even the "reactionary" and Hebraist-Zionist newspaper *Hayn*t has the most honorable attitude towards Yiddish writers, ninety-nine percent of whom are sworn Yiddishists. The most important Yiddish prose writers and poets in Poland who publish their pieces there can corroborate my claims.

The sorry state of Yiddish cultural life forces many Yiddish writers to publish books with their own money. Then, to cover their basic needs, they must make back part of their investment through direct distribution to the reader via the outdated practice of traveling from city to shtetl with a bundle of books. These writers know already that the sworn Yiddishists in Poland, the Bundists, are not among the buyers. If Itzik Manger, who has recently become the Bundist *Folkstsaytung*'s polemical literature and theater sprite, is willing to be honest, he'll have no choice but to back my words. He is, after all, the king of the wandering poets who sell their work in the cities and towns (to borrow, for a moment, the language of the boulevard paper).

And so: a paradoxical situation has been created. The pillars of the Yiddishist movement in Poland have crushed Yiddish literature—the very essence of the Yiddish cultural movement—in the eyes of the greater Jewish masses, and all because of some tall tale about proletarian literature.

It has reached the point that some fellow (belonging to the Bund or another Yiddishist party) grew so agitated by the *Folkstsaytung*'s literature wonks that he disrupted a reading by the well-known poet and outspoken, fanatical Yiddishist and anti-Hebraist, Z. Segalovitsh. "Down with the counterrevolutionaries! You won't read to us! Go to the 'Whites'…" he yelled, with all the courage of a barricade fighter.

Meanwhile, the literary readings of Mr. Yankev Pat, a man with very dubious knowledge of literary questions, draw audiences by the thousands in every city he goes.

With the help of the party badge, he steals the *bravissimi* owed to the talented Yiddish literati.

Perhaps the spirit of the Yiddish writer in Poland is now somewhat gnawed-on by the worm of contempt towards Yiddish as a healthy literary language. Should that be the case, I blame those mentioned above: they've gotten their fingers dirty in the matter—and likely their entire hands as well.

Dr. Max Weinreich is the cream of Yiddishist Vilna and the writer of some *Mekhires-Yosef-Shpil*,[7] which among other peoples would belong in a national graphomania treasury, but which our schoolteachers in Vilna have described almost as a scientific revelation. Attendees of the Literature Day at the YIVO conference will remember perfectly how Weinreich declared—in the confident, blithe, and direct tone of

[7] Max Weinreich published *Mekhires-Yosef* in Berlin in 1923. It is in fact not a play, but a Yiddish narrative of the Biblical "selling of Joseph" episode, which was a common subject for Purim-shpiln and other Ashkenazi folk plays. Weinreich derived his source material from collections of midrashim. Perhaps the derivative nature of the work led Rabon to describe it as belonging "in a national graphomania treasury."

a Yiddish cultural bigshot—that YIVO was disavowing its association with Literature Day.[8] All this, even though the most important members of the Yiddish Pen Club in Poland had taken part—that is to say, that Yiddish literature in Poland had gathered in *Yerusholayim-Delute*.[9]

I am no Hebraist, inasmuch as the word is understood in our newspaper industry: it's nonsensical to think, and even more so to desire, that Hebrew should take the place of Yiddish among the Jews of Poland. But it is no sin against Yiddish when one hopes that, if another nation's language should succeed Yiddish, Hebrew would be the rightful heir. Hebrew is clearly a language of the Jewish people, a medium of the luminous emanations, the radiant spirit of the great poets, shining through generations and millennia, and admired by the world's peoples to this day. It is the language of the prophets, and many other brilliant poets and thinkers, like Yehuda Halevi and Bialik—giants of song and thought.

If Sholem Asch expressed insult and injury towards Yiddish, as Dovid Pinsky says, he deserves his sentence. But if instead, he only spoke about Hebrew enthusiastically, as one does about a living, creative, and awakened language, he has committed no crime against Yiddish. Measuring Hebrew and Yiddish against each other as if they were two rival stalls at the Mier Halls in Warsaw or Baluty Square in Lodz is small-minded. It is utter stupidity to hate a language. If you were to say to some Europeans, "I hate Dutch," they would answer, should they even stoop to your level: "Mein Herr, you are a fool."

In our little world there are cultural workers who brand themselves as outspoken Hebrew-haters. No need to name names—we know who they are. Say a good word about the Holy Tongue and you're immediately declared a fascist. I know I may not be spared the same fate—surely I'll be dispatched to Mussolini's Black Shirts. In the USSR, Maxim Gorky risked nothing when he declared at an open writers' conference that Hayyim Nachman Bialik is an excellent poet. Even after his pronouncement, half a million people attended Gorky's funeral. But if Yankev Pat said something like that, he'd be sent packing from the *Folkstsaytung* at once!

I am deeply convinced that this isn't in any sort of contradiction with my unwavering belief in the victory of socialism, which is the only salvation for bloodied mankind. I also hold the conviction that Yiddish is our language, in which the elegiacal creations of generations of Yiddish writers glow like the scarlet-red flowers of sorrow. It is the language which the genius of the Jewish folk masses, the dwellers of those scorned, impoverished alleys, brought into the temple of our art. But nor would I contradict

---

[8] The official YIVO conference publication indicates that the "Yiddish Literature Day" (*Tog fun der yidisher literatur*) took place on August 17, 1935, and was organized by the Yiddish Pen Club. See Yidisher visnshaftlekher institut, *Der alveltlekher tsuzamenfor fun yidishn visnshaftlekhn institut tsum 10 yorikn yoyvl* (New York: YIVO, 1936), 8, 101-102, https://archive.org/stream/nybc205692.

[9] Rabon intentionally misspells ירושלים־דליטא "Yerusholayim Delite" (Jerusalem of Lithuania) as ירושלים־דלוּטא "Yerusholayim Delute." This is a jab at the prescriptivism of YIVO's standard Yiddish, which adopted the Litvak pronunciation of the vowel "וּ". Spelled this way, "daluta" resembles the Yiddish word דלות "dales," meaning "poverty".

myself if I were to say that Hebrew is also one of our languages, and that in Palestine it exhibits all the attributes of a living and natural literary tongue.

Nor do my words exclude me from the ranks of those who stridently protest the persecution of Yiddish in Palestine.

[...]

These few printed words of mine will surely be called bad blood by the board of the Yiddish Pen Club.

I think that it is high time to acknowledge the truth, even if it's as brutal as a heavy Siberian frost. And especially now, when Yiddish literature has turned into just a few authors who haul their bundles of books to sell in the market of readers that are nowhere to be found.

The Yiddish writer is surely not at fault for this. My sympathies are with him, as he drags himself through cities and towns with a satchel over his shoulder. I've largely shown who's at fault. They have committed the crime. But it's our poor mameloshn, Yiddish, that bears the punishment.

# אַ וואָרט אין דעם שטרײַט: ייִדיש, העברעיִש, שלום אַש

שלום אַש איז געווען אין ארץ־ישׂראל. ער האָט דאָרט אויף אַ פֿאָרלעזונג, צי אויף אַ באַנקעט, לויט די רייד פֿון דוד פּינסקי, געוואָרפֿן באַליידיקנדיקע ווערטער אויפֿן חשבון פֿון דעם ייִדישן לשון. אָבער גענוי, וואָס ער האָט אַזוינס געזאָגט, ווייסט מען נישט. איך שאַץ נישט אונטער די גבֿית־עדות פֿון אַזאַ פּערזאָן, ווי דוד פּינסקי, אָבער די שפּראַכן־פֿראַגע איז בײַ אונדז אַזאַ, אַז דאָס, וואָס קאָן הייסן באַליידיקנדיק פֿאַרן ייִדישיסט דוד פּינסקי, קאָן אַ מאָל נישט הייסן באַליידיקנדיק פֿאַר דעם ייִדישיסט פּלוני־בן־פּלוני. איך, למשל, זע נישט אײַן קיין שום דערנידעריקנדיקס אין דעם, וואָס מע זאָגט, אַז ייִדיש איז די שפּראַך פֿונעם שוסטערגעסל. עס איז נישט דערפֿאַר, ווײַל מײַן דעמאָקראַטישע אײַנשטעלונג שטעלט דאָס שוסטערגעסל אַזוי הויך, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווײַל עס איז באמת אַזוי: ייִדיש רעדט מען נאָר אין דעם שוסטערגעסל. אין די אייבערשטע גאַסן, אָן אונטערשיד, צי עס וווינען דאָרט ציוניסטן, צי בונדיסטן, קאָמוניסטן, צי רעוויזיאָניסטן, רעדט מען בײַ אונדז פּויליש. עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע, און נישט ספּעציעל אָרטאָדאָקסאַלע, ייִדישיסטן, וואָס זענען גרייט אַרויסצורופֿן אײַך אויף אַ דועל, ווען איר זאָגט זיי, אַז ייִדיש איז דאָס לשון פֿונעם שוסטערגעסל.

דער ייִדישער פּען־קלוב האָט באַשלאָסן צו רעאַגירן לויט אַן עקספּראָמפּט געשאַפֿענעם ערן־קאָדעקס אויף דער רעפּרימענדאַציע פֿון דער שפּראַך, אין וועלכער עס שאַפֿט שלום אַש און עס שאַפֿן זײַנע מיטגלידער; און בעת שלום אַש איז געקומען קיין וואַרשע, איז דעמאָנסטראַטיוו נישט געמאַכט געוואָרן קיין אויפֿנאַמע לכּבֿוד אים, הגם שלום אַש איז דער ערן־פֿאָרזיצער פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. די זאַך איז אַרויסגעקומען פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם עטלעכע אַרטיקלען און עס איז אַפֿילו דערגאַנגען בײַ אונדז, ווי דער שטייגער איז, צו אַ ביסל זידלערײַ. אָבער וואָס אייגנטלעך אַש האָט געזאָגט אין ארץ־ישׂראל וועגן ייִדיש קענט איר נישט געוואָר ווערן. מען מוז זיך פֿאַרלאָזן אויף דוד פּינסקיס אויסטײַטשנדיקער באַצייכענונג פֿון אַשס רייד: ער האָט באַליידיקט!

זאָל מען מיך נישט חושד זײַן אין קיין העברעיִזם, אָבער אַז שלום אַש, ווי אַ דיכטער מיט אַ פֿילנדיק געמיט און עמפֿינדלעכער אויפֿנעמוועלט, האָט געקענט אַרײַנפֿאַלן אין ביטערניש איבער דעם מצבֿ פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ספּעציעל אין פּוילן, קומענדיק אין באַרירונג מיט דעם אויפֿוואַכנדיקן קולטור־לעבן אויף העברעיִש אין ארץ־ישׂראל, איז פֿאַרשטענדלעך. קיין שום מענטש מיט אָפֿענע אויגן און מיט דעם נישט־געפֿעלשטן ווילן זיך צו האַלטן אין די ד' אַמות פֿון אמת, קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז דער חורבן פֿון ייִדיש אין אַלע געביטן פֿון זײַן פֿאַראַנען זײַן איז מוראדיק גרויס.

קיין שום פֿאַרלאַג פֿון ייִדישע ביכער עקזיסטירט נישט מער אין פּוילן. די ייִדישע פּרעסע פֿאַלט פֿון טאָג צו טאָג. די צײַטונגען אין דער פּוילישער שפּראַך שלינגען זי אײַן אָן אָנשטרענגונג מיט די שאַרפֿע ציין פֿון לעבן.

עס איז גענוג איין קורצער זאַכבאַווײַז, כּדי צו זען דעם אומגעהויערן פֿאַרנעם פֿון דער עקסטערמינאַציע פֿון ייִדיש אויפֿן געביט פֿון גוטענבערגס דערפֿינדונג, און אַלס פּועל־יוצא — דעם קאַטאַסטראָפֿאַלן צוריקגאַנג פֿון ייִדיש אַלס קולטורעלער פֿאַקטאָר און שפּראַכלעך באַדינונגס־מיטל פֿון די ייִדן אין פּוילן:

אין לאָדזש זענען דערשינען פֿאַר דער מלחמה — בײַ דער ספּעציפֿישער שטאָטיש־רעגיאָנאַלער טענדענץ פֿון דעם לאָדזשער אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד צו גערמאַניזאַציע — דרײַ טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען מיט אַ טיראַזש פֿון אַ דרײַסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן. אויף פּויליש האָט געפֿירט אַ וועגעטירנדיק־נעבעכדיקע עקזיסטענץ איין בלאַט מיט קוים אַ זעקס הונדערט לעזער. הײַנט גייט די גאַנצע לאָדזשער ייִדישע פּרעסע אין מאַקסימום אַ פֿופֿצן הונדערט עקזעמפּלאַרן און עס גייען אַרויס עטלעכע פּוילישע בלעטער מיט אַ טיראַזש פֿון פֿיל צענדליק טויזנטער. די לעזער זענען אין נײַנציק פּראָצענט ייִדן, ווײַל די לאָדזשער ייִדן שטעלן בכלל מיט זיך פֿאָר דעם גראַמאָטנעם עלעמענט פֿון דער באַפֿעלקערונג.

לאָדזש איז נישט קיין אוניקאַט אין דעם קולטורעלן לעבן פֿון די ייִדן אין פּוילן.

אין אַזאַ גרויסער פּראָווינץ, ווי גאַליציע, מיט אַ ייִדישן קיבוץ פֿון איבער דרײַ הונדערט טויזנט נפֿשות, איז כּמעט נישטאָ קיין סימן פֿון אַ ייִדיש־קולטורעלן דופֿק. עס גייען אַרויס דאָרט פֿאַר דאָס דרײַ גרויסע ייִדישע צײַטונגען אויף פּויליש, וואָס מאַכן גלענצנדיקע געשעפֿטן. די אַ מאָל אומפֿאַנגרײַכע טעגלעכע לעמבערגער ייִדישע צײַטונג „טאָגבלאַט“ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רחמנות־דערוועקנדיקן צען־גראָשנדיקן בלעטל, וואָס מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ קאָפּטשענדיק חלבֿן ליכטל בײַ אַ גוסס צוקאָפּנס.

קיין שום פּאָלעמישע רייד וועגן ייִדיש אַלס איינציקע שפּראַך פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן קאָן נישט אָפּלייקענען דעם פֿאַקט, אַז אויף אַלע עפֿנטלעכע ערטער און אין דער היים רעדט די יוגנט, און ספּעציעל די יוגנט פֿון די פּאַרטייען מיט ייִדיש־פֿאָדערונגען צו די מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטאַנצן, אין אַן איבערוועגנדיקער מערהייט צווישן זיך אויף פּויליש. אין דער גרעסטער לאָדזשער ייִדישער ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון באָראָכאָוו, אַן אינסטיטוציע פֿון די לינקע „פּועלי־ציון“, אַלזאָ, כּשרע ייִדישיסטן, ווערן זיבעציק פּראָצענט ביכער געלייענט אין פּויליש און קוים קאַרגע דרײַסיק פּראָצענט ייִדיש. די טענה, אַז ייִדיש איז די אומגאַנגשפּראַך פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, פֿאַלט אַוועק. קיין היציקע קאָנטראָווערסיעס און פּילפּול העלפֿט דאָ נישט.

אַלס באַשטרײַטונגס־פֿאַקט צו נעמען די פֿאָלקסציילונג אין פּוילן אין יאָר 1931 איז אַן אומזין. אַלע ווייסן אויסגעצייכנט, אַז ייִדן האָבן דאַן אָנגעגעבן ייִדיש אַלס מוטערשפּראַך בלויז צוליב דעמאָנסטראַטיווע טעמים און אַלס נדבֿה דער אַגיטאַציע פֿון די ייִדישע פּאַרטייען.

אויף די גאַסן פֿון לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט זעט מען שוין הײַנט ייִדן מיט געדרייטע פּאות און מיט יופּיצעס, וואָס רעדן מיט זייערע קינדער און ווײַבער „פּויליש“. (פּויליש אין גענדזן־פֿיסלעך).

שלום אַש, קומענדיק קיין ארץ־ישׂראל און זעענדיק דעם אויפֿשטײַגנדיקן העברעיִזם, זעענדיק די דאָרטיקע בכּבֿודיק אויסזעענדיקע פּרעסע אויף העברעיִש, די לעבהאַפֿטע טעטיקייט פֿון די צאָלרײַכע, ווײַט נישט מעצענאַטישע, נאָר אויף געזונטע, געשעפֿטלעך־רוענדיקע יסודות, פֿאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ביכער, וועלכע האָבן פֿאַקטיש לעזער, זעענדיק, ווי דאָס לשון פֿון תּנ"ך ווערט גערעדט דורך טויזנטער קינדער, ווי אַ נאַטירלעך־קרעפֿטיקע מוטערשפּראַך, האָט, פֿאַרגלײַכנדיק העברעיִש אין ארץ־ישׂראל מיט ייִדיש אין פּוילן, געקענט אַרײַנפֿאַלן אין אַ לויבגעזאַנג צו העברעיִש.

אין ארץ־ישׂראל איז העברעיִש די שפּראַך, די ליטעראַטור, די שולע, אַ לעבנס־פֿראַגע ווי דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט. אין ארץ־ישׂראל קויפֿט מען דאָס בוך פֿון העברעיִשן דיכטער און מען איז שטאָלץ מיט דעם נײַ־דערשינענעם בוך, ווי מיט אַ דערשײַנונג.

וואָס טוען די ייִדישיסטן אין פּוילן פֿאַר דעם דיכטער אין ייִדיש?

קודם־כּל באַמיט מען זיך צו מאַכן פֿון אים אַ קאַריקאַטור, אַ מאַנעקען.

דער צײַל פֿון ייִדישיזם אין פּוילן, דער „בונד“, האָט „דעלעגירט“ אין דער ליטעראַטור אַרײַן, דעם ה' יעקבֿ פּאַט, וועלכער האָט צוזאַמענגענומען אַ חבֿרה גראַפֿאָמאַנען און אַ יאָר־צוויי אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפֿט, וואָס האָט געהאַט די הייליקע עובֿדה צו שיטן וואָך בײַ וואָך זאַמד און אַש אויף יעדן ייִדישן מחבר, וועלכער איז נישט געווען גענוג „מאַרקסיסטיש“ און „פּראָלעטאַריש“.

נישט פֿאַרשטייענדיק, אַז דער ייִדישער שרײַבער איז לויט זײַן סאָציאַלער אָפּשטאַמונג – וואָס דאָס איז, אַגבֿ, באַדײַטונגסלאָז פֿאַר דער קוואַליטעט פֿון זײַן שאַפֿן – פּראָלעטאַריש אין זײַן מענטאַליטעט, וואָס שלאָגט זיך אינטויִטיוו אָפּ אין דעם כאַראַקטער פֿון זײַנע ווערק – האָט מען כּסדר פֿאַרמיאוסט יעדע וואָגיקע דערשײַנונג אינעם ייִדישן ליטעראַרישן וועלטל.

נאָך איידער אַש האָט באַוויזן צו רעדן עפּעס בייזס וועגן ייִדיש, האָט ה' פּאַטס ליטעראַרישער אָרגאַן אַ „תּל געמאַכט“ פֿון דעם ערשטראַנגיקן ווערק, איינס פֿון די פּרעכטיקסטע בעלעטריסטישע שאַפֿונגען אין די לעצטע יאָרן, „דער תּהילים־ייִד“, בלויז דערפֿאַר, ווײַל דער העלד פֿון דעם דאָזיקן ראָמאַן איז אַ פֿײַערדיקער אָנהענגער פֿון תּהילים און נישט פֿון קאַרל מאַרקסן. מען האָט פֿאַרשריגן אַלס נישטיקייט דעם גלענצנדיקן עפּאָס פֿון אַ בית־המדרש און רבנישער תּקופֿה, אַ ווערק מיט מײַסטערהאַפֿט אויסגעהעמערטע געשטאַלטן, הויכער שילדערונגס־קראַפֿט און ווירטואָזער אָפּשפּיגלונג פֿון אַ פֿאַרשווינדנדיקן ייִדישן לעבנס־שטייגער – „יאָשע קאַלב“ פֿון י.י. זינגער דערפֿאַר, ווײַל די העלדן פֿון אָט דעם ראָמאַן רעדן נישט קיין וואָרט וועגן „קלאַסנקאַמף“ און „פּראָלעטאַריאַט“. (דער ראָמאַן און נישט די דראַמע).

דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ און ענלעכער אונטערגראָבונגס־אַרבעט איז, אַז דער בונדיש געשטימטער עולם, וואָס ציילט זיך אין לאַנד אין די צענדליקער טויזנטער, וויל די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבער נישט נעמען אין האַנט, ווײַל זיי זענען לויט ה' פּאַט „קאָנטעררעוואָלוציאָנער“ און נישט גענוג פּראָלעטאַריש, און די אייגענע „פּאָעטן“ וויל ער נישט קענען, ווײַל זיי זענען פּשוטע טאַלאַנטלאָזיקייטן.

די „פֿאָלקסצײַטונג“ איז די איינציקע צײַטונג אין וואַרשע, וואָס צאָלט דעם טרעגער פֿאַר אַרויפֿברענגען פּאַפּיר, דעם שיקיִנגל פֿאַר אויפֿהייבן אַן אות, דעם סטרוזש פֿאַר אויסקערן דאָס צימער, נאָר פֿאַר דעם ייִדישן דיכטער ווייסט זי קיין גראָשן נישט צו באַצאָלן.

איך וויל נישט לויבן די ייִדישע פּרעסע אין איר באַציִונג צום ייִדישן שרײַבער, וואָס בנוגע דעם לאָזט

זיך נאָך אַ סך ווינטשן, אָבער למען־האמת מוז איך פֿעסטשטעלן, אַז דווקא די „רעאַקציאָנערע“ און העברעיִסטיש־ציוניסטישע צײַטונג „הײַנט“ האָט די אָרנטלעכסטע באַציִונג צום ייִדישן דיכטער, וועלכער באַשטייט אין 99 פּראָצענט פֿון געשוווירענע ייִדישיסטן. די וויכטיקסטע ייִדישע שריפֿטשטעלער און דיכטער אין פּוילן, וועלכע פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע זאַכן אין דער דאָזיקער צײַטונג, קענען מײַנע ווערטער באַשטעטיקן.

פֿיל פֿון די שרײַבער אויף ייִדיש, וועמען די טרויעריקע לאַגע פֿונעם ייִדישן קולטורעלן לעבן צווינגט פֿאַר דעם אייגענעם געלט אַרויסצוגעבן זייערע ביכער און דערנאָך דאָס דעפּאָנירטע קאַפּיטאַל אַרויסצונעמען אויף איינפֿאַכע זאַכן פֿון ערשטן געברויך דורך פֿאַרקויפֿן אוממיטלבאַר דעם לעזער דאָס פֿאַרעפֿנטלעכטע בוך לויט דעם אָפּגעלעבטן פֿאַרצײַטישן אופֿן פֿון אַרומפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיטן פּעקל ספֿרים, ווייסן שוין פֿאָרויס, אַז די געשוווירענע ייִדישיסטן אין פּוילן, די בונדיסטן, געהערן נישט צו די קויפֿער.

אויב א. מאַנגער, וועלכער איז לעצטנס געוואָרן דער פּאָלעמישער ליטעראַטור־ און טעאַטער־קאָבאָלד פֿון דער בונדיסטישער „פֿאָלקסצײַטונג“, וועט איצט וועלן זײַן ערלעך, וועט ער מוזן באַשטעטיקן מײַנע ווערטער, מחמת ער איז, לײַדער, מיטן לשון פֿון דער בולוואַר־צײַטונג, דער קעניג פֿון די וואַנדערנדיקע דיכטער, וואָס פֿאַרקויפֿן זייערע ווערק אין שטעט און שטעטלעך.

אַזוי נאָך האָט זיך געשאַפֿן די פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אַז די פּילאַרן פֿון דער ייִדישיסטישער באַוועגונג אין פּוילן האָבן אַרונטערגעריסן און דערשלאָגן אין די אויגן פֿון די ברייטע ייִדישע מאַסן דעם עיקר און דעם קווינטעסענץ פֿון דער קולטור־באַוועגונג אין ייִדיש, די ייִדישע ליטעראַטור, צוליב עפּעס אַ באָבע־מעשׂה וועגן אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז עפּעס אַ בחור פֿון „בונד“, אָדער פֿון אַן אַנדערער ייִדישיסטישער פּאַרטיי, אַגיטירט פֿון די ליטעראַטור־ספּעצן פֿון דער „פֿאָלקסצײַטונג“, האָט בעת אַ פֿאָרלעזונג אַ געשריי געטאָן מיט דער מוט פֿון אַ באַריקאַדן־קעמפֿער אין פּנים פֿון דעם באַקאַנטן דיכטער און אויסגעשפּראָכענעם, פֿאַנאַטישן ייִדישיסט און אַנטיהעברעיִסט, ז. סעגאַלאָוויטש:

– אַראָפּ, קאָנטעררעוואָלוציאָנער! איר וועט בײַ אונדז נישט לייענען! גייט צו די „ווײַסע“...

אין דער זעלבער צײַט ווערן די ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען פֿון ה' יעקבֿ פּאַט, אַ מענטש מיט זייער צווייפֿלהאַפֿטע קענטענישן אין פֿראַגן פֿון ליטעראַטור, באַזוכט פֿון טויזנט־קעפּיקע המונים אין אַלע שטעט, וווּ ער קומט.

מיט דער הילף פֿון דער פּאַרטיי־קמיע באַרויבט ער דעם בראַוויסימאָ, וועלכער קומט דעם טאַלאַנטירטן ייִדישן ליטעראַט.

אויב די נשמה פֿונעם ייִדישן שרײַבער אין פּוילן איז שוין אַ ביסל אײַנגעביסן פֿון דעם וואָרעם פֿון ביטול צו ייִדיש, ווי אַ געזונטער ליטעראַטור־שפּראַך, ליגט דערין נישט בלויז אַ פֿינגער פֿון די, אויף וועלכע איך האָב אָקאָרשט אָנגעוויזן, נאָר אפֿשר די גאַנצע האַנט.

די אָנטייל־נעמער פֿון ליטעראַרישן טאָג בעתן ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר געדענקען אויסגעצייכנט, ווי ד"ר מ. ווײַנרײַך, די סמעטענע פֿון ייִדישיסטישן ווילנע, אַ מחבר פֿון עפּעס אַ מכירת־יוסף־שפּיל, וואָס געהערט בײַ אַנדערע פֿעלקער צום נאַציאָנאַלן גראַפֿאָמאַניע־אוצר און בײַ אונדז ווערט עס באַצייכנט דורך די מלמדים פֿון ווילנע כּמעט ווי אַ וויסנשאַפֿטלעכע רעוועלאַציע, האָט מיט אַ טאָן פֿון אַ נאַ־שפּיץ אין ייִדישן קולטורעלן לעבן איבערמוטיק און גרינגשעצנדיק עפֿנטלעך דערקלערט, אַז דער ייִוואָ נעמט אַוועק דעם שײַכות צו דעם „ליטעראַטור־טאָג“, הגם אין אים האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע מיטגלידער פֿון ייִדישן פּען־קלוב אין פּוילן, דאָס הייסט, די ייִדישע ליטעראַטור פֿון פּוילן האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין ירושלים־„דלוּתא“.

איך בין נישט קיין העברעיִסט, ,אַזוי ווי מען פֿאַרשטייט דאָס אין אונדזער צײַטונגס־מעסיקער אומגאַנגשפּראַך, ווײַל עס איז אַן אומזין צו טראַכטן און נאָך מער צו פֿאַרלאַנגען, אַז דאָס אָרט פֿון ייִדיש זאָל צווישן די ייִדן אין פּוילן פֿאַרנעמען די העברעיִשע שפּראַך. אָבער עס איז נישט קיין שום זינד קעגן ייִדיש, ווען מען ווינטשט זיך, אַז אויב אַ שפּראַך פֿון אַן אַנדער נאַציע זאָל ירשענען ייִדיש, איז שוין קוראַנטער, אַז עס זאָל ירשענען העברעיִש, וואָס איז פֿאָרט אַ שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק און עס איז געקומען אין איר צום אויסדרוק די ליכטיקע עמאַנאַציע פֿון דעם שטראַלנדיקן גײַסט פֿון די גרויסע פּאָעטן, וועלכע לײַכטן דורך דורות און יאָרטויזנטער, וועלכע ווערן נאָך הײַנט באַוווּנדערט פֿון פֿעלקער און ראַסן – די נבֿיאים, און פֿיל אַנדערע געניאַלע דיכטער און דענקער, ווי יהודה הלוי און ביאַליק – ריזן פֿון געזאַנג און געדאַנק.

אויב שלום אַש האָט זיך אויסגעדריקט שענדלעך און באַליידיקנדיק וועגן ייִדיש, ווי עס זאָגט דוד פּינסקי, איז ער ווערט דעם פּסק. אויב אָבער ער האָט מיט ענטוזיאַזם גערעדט וועגן העברעיִש, ווי וועגן אַ לעבעדיקער, שאַפֿנדיקער און דערוואַכטער שפּראַך – איז ער קיין שום פֿאַרברעכן נישט באַגאַנגען קעגן

ייִדיש. די מאָס פֿון די מיראָוווסקער האַלעס אין וואַרשע אָדער פֿון באַלוטער פּלאַץ אין לאָדזש, אַז העברעיִש און ייִדיש זענען צוויי פֿײַנטלעכע קראָמען, איז נישטיק און קרעמעריש.

עס איז די גרעסטע טיפּשות פֿײַנט צו האָבן אַ שפּראַך. אויב איר וועט צווישן אייראָפּעער אַ זאָג טאָן: „איך האָב פֿײַנט האָלענדיש“, וועט מען, ווען מען וועט אַראָפּנידערן פֿונעם ניוואָ און אײַך ענטפֿערן אין אײַער סטיל: מײַן הער, איר זענט אַ שוטה.

אין אונדזער וועלטל זענען פֿאַראַן קולטור־טוער מיט דער אויסגעשפּראָכענער מאַרקע פֿון העברעיִש־האַסער. מע דאַרף אויף זיי נישט אָנווײַזן. מע קען זיי. עס איז גענוג צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן לשון־קודש, כּדי דערקלערט צו ווערן אַלס פֿאַשיסט. איך ווייס אַז דער זעלבער גורל וועט מיך, אפֿשר, אויך נישט מײַדן. איך וועל באַשטימט אָפּגעשיקט ווערן אין שוואַרצן לעגיאָן פֿון מוסאָליני. אין פֿסס״ר האָט מאַקסים גאָרקי דאָך מיט גאָרנישט ריזיקירט, דערקלערנדיק אויף אַן עפֿנטלעכן קאָנגרעס פֿון שרײַבער, אַז ח. נ. ביאַליק איז אַ געניאַלער דיכטער. מאַקסים גאָרקי האָט נאָך אַזעלכע ווערטער דאָך געהאַט אַ לוויה פֿון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. יעקבֿ פֿאַט וואָלט פֿאַר אַזעלכע רייד באַשטימט געפֿלויגן פֿון דער „פֿאָלקסצײַטונג“!

איך בין טיף איבערצײַגט, אַז איך וועל גאָר נישט זײַן אין סתּירה מיט מײַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אינעם זיג פֿון סאָציאַליזם, וועלכער איז די איינציקע רעטונג פֿון דער פֿאַרבלוטיקטער מענטשהייט, און מיט מײַן איבערצײַגונג, אַז ייִדיש איז אונדזער שפּראַך, אין וועלכער עס גליִען, ווי שאַרלאַך רויטע טרויערבלומען, די כּמעט אַלע אין עלעגישן טאָן געהאַלטענע שאַפֿונגען פֿון דורות ייִדישע פּאָעטן, וועלכע עס האָט געברענגט אין היכל פֿון אונדזער קונסט דער געניוס פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, די אײַנוווינער פֿון דעם פֿאַראַכטן אָרעמען געסל, – אויב איך וועל זאָגן, אַז העברעיִש איז אויך אונדזערס אַ שפּראַך און ווײַזט אַרויס אין ארץ־ישׂראל אַלע אַטריבוטן פֿון אַ לעבעדיק און נאַטירלעך ליטעראַטור־לשון.

אויך וועלן מײַנע איצטיקע ווערטער נישט אַוועקנעמען מײַן נישט־וואַקלענדיק אָרט אין די רייען פֿון די, וועלכע פּראָטעסטירן ווי אַמשאַרפֿסטן קעגן די פֿאַרפֿאָלגונגען אויף ייִדיש אין ארץ־ישׂראל.

[...]

מײַנע דאָזיקע פּאָר אָפּגעדרוקטע ווערטער וועלן באַשטימט אַרויסרופֿן בייז בלוט בײַ דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם ייִדישן פּען־קלוב.

איך מיין, אַז עס איז די העכסטע צײַט צו זאָגן זיך דעם אמת, מעג ער אַפֿילו זײַן ברוטאַל, ווי אַ שווערער סיבירער פֿראָסט, בפֿרט איצט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָר אויטאָרן, וואָס טראָגן זייערע פּעקלעך ביכער צו פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק פֿון די לעזער, וועלכע זענען גאָר נישט בנימצא.

דער ייִדישער שרײַבער איז זיכער נישט שולדיק אין דעם. מײַן מיטגעפֿיל צו אים, ווען ער שלעפּט זיך איבער שטעט און שטעטלעך מיט דעם רענצל ספֿרים אויף דער פּלייצע. אויף די שולדיקע אין אַ גרויסער מאָס האָב איך אָנגעוויזן. דאָס פֿאַרברעכן זענען זיי באַגאַנגען. די שטראָף לײַדט אָבער אונדזער בידנע מאַמע־לשון ייִדיש.